# דער גולם

פֿון י. ל. פּרץ

גערדרוקט אין 1893 אין *קלײנע מעשׂהלעך פֿאַר גרויסע קינדער*)

(באַאַרבעט אין כּלל-ייִדיש פֿון יאַסמינקע דאַולינג)

גרויסע לײַט פֿלעגן אַמאָל באַווײַזן גרויסע נסים ... אַז מען איז אין פּראָג אַמאָל באַפֿאַלן דעם געטאָ און מען האָט געוואָלט מטמא זײַן די ווײַבער, אָפּבראָטן די קינדער און אויסקוילן די רעשט; אַז עס איז שוין געווען "כּלו כּל הקצין„, האָט דער מהר״ל אַוועקגעלייגט די גמרא, אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, צוגעגאַנגען צום ערשטן בעסטן בערגל ליים פֿאַר אַ מלמדס טיר, און האָט אויסגעקנעטן אַ ליימיקן גוף. — דעם גולם האָט ער אַרײַנגעבלאָזן אין דער נאָז — און דער האָט איך אָנגעהויבן רירן; דערנאָך האָט ער אים אײַנגערוימט אין אויער אַרײַן אַ שם, און אונדזער גולם איז אַרויס פֿון געטאָ. — דער מהר״ל איז צוריקגעגאַנגען אין בית-המדרש אַרײַן לערנען, און דער גולם איז באַפֿאַלן אונדזערע שׂונאים, וואָס האָבן דעם געטאָ באַלאַגערט, און האָט געדראָשן ווי מיט צעפּעס... מענטשן זענען געפֿאַלן ווי די פֿליגן!

פּראָג ווערט פֿול מיט הרוגים... אַזוי האָט עס — דערציילט מען — געדויערט מיטוואָך, דאָנערשטיק; עס איז שוין פֿרײַטיק, עס שלאָגט שוין צוועלף דער זייגער, און דער גולם טוט אַלץ ווײַטער דאָס זײַניקע.

—רבי! — האָט זיך קהל געבעטן, — דער גולם הרגעט אויס גאַנץ פּראָג! עס וועט נישט בלײַבן, ווער עס זאָל שבת די אויבונס הייצן, די לײַכטער אַראָפּנעמען!

דער מהר״ל האָט ווײַטער מפֿסיק געווען פֿון לערנען, געשטעלט זיך צום עמוד און אָנגעהויבן "מזמור שיר ליום השבת„!

דער גולם האָט אויפֿגעהערט צו טאָן זײַן מלאכה. ער איז צוריקגעקומען אין געטאָ, אין בית-המדרש אַרײַן, און איז צוגעגאַנגען צום מהר״ל. דער מהר״ל האָט אים ווײַטער עפּעס אײַנגערוימט אין אויער; עס האָבן זיך דעם גולם די אויגן צוריק פֿאַרמאַכט, די נשמה איז פֿון אים אַרויס און ער איז צוריק ליימיקער גולם געוואָרן...

דער גולם ליגט ער עד היום באַהאַלטן אין פּראָגער שול אין דער הויך, באַדעקט מיטן שפּינוועבס, וואָס וועבט אַרויס פֿון אַלע פֿיר ווענט, און פֿאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער אַרקאַדע, עס זאָל אים, דעם גולם, קיין אויג נישט זען, בפֿרט טראָגנדיקע ווײַבער פֿון עזרת-נשים! דעריבער טאָקע טאָר מען דאָס שפּינוועבס נישט רירן, און ווער עס רירט דאָס אָן — שטאַרבט... די עלטסטע מענטשן געדענקען שוין נישט דעם גולם, נאָר דער חכם צבֿי, דעם מהר״ל אייניקל קלערט נאָך: צי מען מעג אַזאַ גולם מצרף זײַן צום מנין אָדער צו מזומן...

דעם גולם, זעט איר — האָט מען דאָך נישט פֿאַרגעסן... ער איז דאָ! נאָר דער שם, ווי אַזוי מען זאָל בשעת הדחק דעם גולם לעבעדיק מאַכן, דעם שם איז ווי אין אַ וואַסער אַרײַן! און דאָס שפּינוועבס וואַקסט און מען טאָר עס נשט רירן. — טו עפּעס!